וואקסין אינפארמאציע סטייטמענט

Many Vaccine Information Statements are available in Yiddish and other languages. See www.immunize.org/vis

פיל וואקסין אינפארמאציע סטעיטמענטס זענען אוועילעבל אין אידיש און אנדערע שפראכן. זעט www.immunize.org/vis

# מענינדזשאָוקאָקעל B וואקסין: וואס איר דארפט וויסן

## 1. פארוואס צו וואקסינירט ווערן?

**דער מענינדזשאָוקאָקעל B וואקסין** קען העלפן באשיצן פון די **מענינדזשאָוקאָקעל קראנקייט** וואס ווערט פאראורזאכט דורך די סעראלאגישע גרופע B. אן אנדערער מענדזשאָוקאָקעל וואקסין איז דא צו באקומען וואס קען העלפן באשיצן קעגן די סעראלאגישע גרופעס A, C, W און Y.

**די מענינדזשאָוקאָקעל קראנקייט** קען פאראורזאכן מענינדזשייטיס (אן אינפעקציע פון די הייטל ארום די מוח און חוט השדרה) און אינפעקציעס אין די בלוט. אפילו ווען עס ווערט באהאנדלט הרג׳ט די מענינדזשאָוקאָקעל קראנקייט 10 ביז 15 אנגעשטעקטע מענטשן פון יעדע 100. און פון די וועלכע לעבן יא איבער ליידן בערך 10 ביז 20 פון יעדע 100 פון דיסאביליטיס ווי שוועריקייטן צו הערן, שאדן צו די מוח אדער צו די נירן, פארלירן הענט אדער פיס, פראבלעמען מיט די נערוון סיסטעם אדער גרויסע אויסשלאגן (סקאַרס) צוליב הויט פלאנצונגען (סקין גרעפטס).

די מענינדזשאָוקאָקעל קראנקייט איז זעלטן און פעלער זענען געפאלן אין די פאראייניקטע שטאטן זינט די 1990׳גער. עס איז אבער נאכאלץ אן ערנסטע קראנקייט מיט גרויסע אויסזיכטן פון טויט רח״ל אדער פון בלייבנדע דיסאביליטיס ביי מענטשן וואס באקומען עס.

אלע קענען באקומען די מענינדזשאָוקאָקעל קראנקייט. געוויסע מענטשן האבן גרעסערע אויסזיכטן דערפון, אריינרעכענענדיג:

- בייביס אונטער איין יאר אלט
- עלטערע קינדער און יונגע דערוואקסענע פון 16 ביז 23 יאר אלט
- מענטשן מיט געוויסע מעדיצינישע פראבלעמען וועלכע שוואכן אפ די אימיון סיסטעם
- וויסנשאפטלער וועלכע ארבעטן אין די לאבארעטאריע מיט *N. meningitidis*, די באקטעריע וואס פאראורזאכט מענינדזשאָוקאָקעל קראנקייט
- מענטשן וואס זענען אויסגעשטעלט צוליב אן אויסברוך אין זייער קאמיוניטי

## 2. מענינדזשאָוקאָקעל B וואקסין

צו באקומען די בעסטע שוץ פעהלט אויס מער פון 1 דאזע פון א מענינדזשאָוקאָקעל B וואקסין. עס זענען דא צו באקומען צוויי מענינדזשאָוקאָקעל B וואקסינען. דער זעלבער וואקסין מוז גענוצט ווערן פאר אלע דאזעס.

מענינדזשאָוקאָקעל B וואקסינען זענען רעקאמענדירט פאר מענטשן פון 10 יאר אדער עלטער וועלכע זענען אין א העכערע סכנה פון א סעראלאגישע גרופע B מענינדזשאָוקאָקעל קראנקייט, אריינרעכענענדיג:

- מענטשן וואס זענען אין א גרעסערע סכנה צוליב אן אויסברוך פון א מענינדזשאָוקאָקעל קראנקייט פון די סעראלאגישע גרופע B
- מענטשן וועמען׳ס ספלין (מילץ) איז געשעדיגט אדער ארויסגעשניטן, אריינרעכענענדיג מענטשן מיט סיקל סעל דיזיז
- מענטשן מיט א זעלטענע אימיון סיסטעם קראנקייט וואס רופט זיך ״קאמפלעמענט קאמפאָנענט דיפישענסי״ (complement component deficiency)
- מענטשן וואס נעמען א סארט דראג וואס הייסט א ״קאמפלעמענט אינהיביטער״ (complement inhibitor) ווי eculizumab (אויך גערופן Soliris®) אדער ravulizumab (אויך גערופן Ultomiris®)
- וויסנשאפטלער וועלכע ארבעטן אויף א רוטינעם פארנעם אין די לאבארעטאריע מיט *N. meningitidis*

די וואקסינען קענען אויך געגעבן ווערן פאר סיי וועם פון 16 ביז 23 יאר צו גיבן קורץ-טערמיניגע שוץ פון רוב סארטן פון די סעראלאגישע גרופע B מענינדזשאָוקאָקעל קראנקייט, לויט די באשלוס וואס ווערט געמאכט צווישן דעם פאציענט און דאקטאר. די בעסטע צייט צו באקומען דעם וואקסין איז צווישן 16 און 18 יאר אלט.

## 3. רעדט מיט אייער דאקטאר

זאגט דעם צושטעלער פון וואקסין אויב דער מענטש וואס באקומט דעם וואקסין:

- האט געהאט אן **אלערגישע רעאקציע נאך א פריערדיגע דאזע פונעם מענינדזשאָוקאָקעל B וואקסין**, אדער אויב זיי האבן סיי וועלכע **ערנסטע, לעבנס-סכנות׳דיגע אלערגיעס**
- איז **טראגעדיג אדער נויערסט א בייבי**

U.S. Department of Health and Human Services
Centers for Disease Control and Prevention

אין געוויסע פעלער, וועט אייער דאקטאר מעגליך באשלוסן צו אפשטופן מענינדזשאָקאָקעל B וואקסינאציע ביז א צוקונפטדיגע באזוך.

מענינדזשאָקאָקעל B וואקסינאציע זאל אפגעשטופט ווערן פאר טראגעדיגע מענטשן חוץ אויב דער מענטש איז אין א העכערע סכנה און אויב נאכן זיך דורכרעדן מיט זייער דאקטאר, זעהען די בענעפיטן פון וואקסינאציע אויס צו איבערוועגן די מעגליכע סכנות.

מענטשן וואס פילן זיך מילד נישט גוט, ווי צום ביישפיל א פארקילעכץ, קענען וואקסינירט ווערן. מענטשן וואס זענען מיטלמעסיג אדער ערנסט קראנק זאלן געווענטליך ווארטן ביז זיי דערהוילן זיך איידער באקומען דעם מענינדזשאָקאָקעל B וואקסין.

אייער דאקטאר קען אייך געבן מער אינפארמאציע.

## 4. סכנות פון א רעאקציע צום וואקסין

- ווייטאג, רויטליכקייט אדער א געשווילעכץ אויף דעם פלאץ וואו מען האט געגעבן די איינשפריץ, פילן אויסגעמוטשעט, א קאפווי, ווייטאג אין די מוסקל אדער אין די דזשוינטס (געלענקן), א פיבער אדער איבל קענען געשען נאכן באקומען דעם מענינדזשאָקאָקעל B וואקסין. טייל פון די רעאקציעס געשעען ביי מער פון האלב פון די מענטשן וואס באקומען דעם וואקסין.

מענטשן חלש'ן צומאל נאך מעדיצינישע פראצעדורן, ארייננרעכענענדיג וואקסינאציע. זאגט אייער דאקטאר אויב איר באקומט א שווינדל אדער אויב אייער זעענונג טוישט זיך אדער אויב איר הערט קלינגען אין די אויערן.

פונקט ווי מיט סיי וועלכע מעדיצין, עס זענען דא גאר קליינע אויסזיכטן אז א וואקסין זאל פאראורזאכן א שווערע אלערגישע רעאקציע, אן אנדערע ערנסטע שעדיגונג, אדער טויט.

## 5. וואס אויב עס איז דא אן ערנסטן פראבלעם?

אן אלערגישע רעאקציע קען פארקומען נאכדעם וואס דער מענטש וואס האט באקומט דעם וואקסין פארלאזט די קליניק. אויב איר זעט סימנים פון אן ערנסטע אלערגישע רעאקציע (אויסשלאגן, אן אויפגעשוואלענע פנים און האלז, שוועריקייטן צו אטעמען, א שנעלע הארץ קלאפ, א שווינדל אדער שוואכקייט), רופט 9-1-1 און נעמט דעם מענטש צו דעם נאענסטן שפיטאל.

פאר אנדערע סימנים וואס באזארגן אייך רופט אייער דאקטאר.

אומגעוואונטשענע רעאקציעס זאלן באריכטעט ווערן צו דעם Vaccine Adverse Event Reporting System (VAERS) (וואקסין אומגעוואונטשענע אינצידענטן באריכטונג סיסטעם). אייער דאקטאר וועט געווענטליך זיין דער וואס וועט אריינגעבן דעם באריכט, אדער איר קענט דאס אליין טאן. באזוכט די VAERS וועבזייטל אויף [www.vaers.hhs.gov](http://www.vaers.hhs.gov) אדער רופט **1-800-822-7967**. *VAERS איז געווידמעט נאר צו באריכטן רעאקציעס, און VAERS שטאב מיטגלידער גיבן נישט קיינע מעדיצינישע עצות.*

## 6. דער נאציאנאלע וואקסין שאדן פארגוטיגונג פראגראם

דער National Vaccine Injury Compensation Program (VICP) (נאציאנאלע וואקסין שאדן פארגוטיגונג פראגראם) איז א פעדעראלער פראגראם וואס איז אוועקגעשטעלט געווארן צו פארגוטיגן מענטשן וואס זענען מעגליך געשעדיגט געווארן דורך געוויסע וואקסינען. קליימס אין פארבינדונג מיט אנגעבליכע שאדן אדער טויט צוליב א וואקסינאציע האבן א באגרעניצטע צייט צו אריינגעגעבן ווערן - קענענדיג זיין אזוי קורץ ווי צוויי יאר. באזוכט די VICP וועבזייטל אויף [www.hrsa.gov/vaccinecompensation](http://www.hrsa.gov/vaccinecompensation) אדער רופט **1-800-338-2382** צו לערנען מער איבער דעם פראגראם און איבער ווי אזוי אריינצוגעבן א קליים.

## 7. ווי אזוי קען איך לערנען מער?

- פרעגט אייער דאקטאר.
- רופט אייער לאקאלע אדער סטייט העלט דעפארטמענט.
- באזוכט די וועבזייטל פון די Food and Drug Administration (FDA) (עסן און דראג אדמיניסטראציע) פאר די אינפארמאציע צעטלעך וואס קומען מיט די וואקסין פעקלעך און פאר נאך אינפארמאציע אויף [www.fda.gov/vaccines-blood-biologics/vaccines](http://www.fda.gov/vaccines-blood-biologics/vaccines).
- פארבינדט זיך מיט די Centers for Disease Control and Prevention (CDC) (צענטערס פאר קראנקייט קאנטראל און פארמיידונג):
  - רופט **1-800-232-4636 (1-800-CDC-INFO)** אדער
  - באזוכט די CDC וועבזייטל אויף [www.cdc.gov/vaccines](http://www.cdc.gov/vaccines).

Yiddish translation provided by Immunize.org

כדי צו ערלויבן מעדיקאל קעיר פארזארגער צו האָבן גענויע אימוניזאציע סטאטוס אינפארמאציע,וויאויך צו מאכן אן אימוניזאציע אפשאצונג און א רעקאמענדירטע שעדיול פאר צוקונפטיגע אימוניזאציעס, וועט אינפארמאציע געשיקט ווערן צו מישיגאן סטעיט קעיר אימפרואוומענט רעדזשיסטרי .יחידים האבן די רעכט צו פארלאנגען אז זייערע מעדיקאל קעיר פארזארגער זאל נישט שיקן אימוניזאציע אינפארמאציע צו די רעדזשיסטרי.

MDHHS-Pub-3932Y

AUTH: P. H. S., Act 42, Sect. 2126.